**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/6/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**שטייענדיג אין 'סייבער-סעקיוריטי אויפמערקזאמקייט חודש', הייבט גאווערנער האקול ארויס וויכטיגע מיטלען וואס זענען דא צו העלפן קליינע ביזנעסער און אלע ניו יארקער זיך האלטן זיכער**

***גאווערנער האקול גיבט ארויס פראקלאמאציע דעזיגנירנדיג אקטאבער אלס 'סייבער-סעקיוריטי אויפמערקזאמקייט חודש'; לייענט פראקלאמאציע [דא]()***

***20'סטע יערליכע סייבער-סעקיוריטי אויפמערקזאמקייט חודש לייגט דגש אויף וויכטיגע וועגן זיך צו האלטן זיכער אויף די אינטערנעט***

גאווערנער קעטי האקול [האט ארויסגעגעבן א פראקלאמאציע]() דעזיגנירנדיג אקטאבער אלס 'סייבער-סעקיוריטי אויפמערקזאמקייט חודש'. היי יאר צייכנט אפ די 20'סטע יארטאג פון דעם חודש וואס ווערט אפגעהאלטן אלס טייל פון אן אונטערנעמונג צו ציהען די אויפמערקזאמקייט פון די פובליק און זיי אויפקלערן איבער סייבער-סעקיוריטי און זיי צושטעלן די כלים און אנדערע מיטלען צו העלפן אלע ניו יארקער זיך אויפפירן זיכערערהייט אויף די אינטערנעט. די פראקלאמאציע פאלגט נאך גאווערנער האקול'ס אנאנס איבער די [סאמע ערשטע סטעיט-ברייטע סייבער-סעקיוריטי סטראטעגיע]() וואס לייגט פאר א צוגאנג צו באשיצן דיגיטאלע פארמעגנס דורכן אריינברענגען רעגירונג און פריוואטע פארמישטע קערפערשאפטן און היטן אויף די פריוואטקייט און זיכערהייט פון אונזערע איינוואוינער.

"פאר צוואנציג יאר האט ניו יארק סטעיט'ס פראקלאמאציע איבער 'סייבער-סעקיוריטי אויפמערקזאמקייט חודש' געהאלפן ציהען אויפמערקזאמקייט איבער דיגיטאלע זיכערהייט און צו אויפקלערן ניו יארקער איבער די שריט וואס זיי דארפן אונטערנעמען זיך צו באשיצן אויף די אינטערנעט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך די דעזיגנאציע שיינען מיר מיט א שטארקע ליכט אויף די נויט פאר אונזערע בירגער און ביזנעסער צו זיין וואכזאם אויסשטייענדיג סייבער סכנות וועלכע זענען געווארן אפטער און מער סאפיסטיקירט. דורכן וואוקשטעלן אונזער סטעיט'ס סאמע ערשטע ארומנעמיגע סטעיט-ברייטע סייבער-סעקיוריטי סטראטעגיע, בלייבט מיין אדמיניסטראציע פארפליכטעט צו שאפן א פעלזן-פעסטע סטעיט-ברייטע פארטיידיגונג קעגן סייבער סכנות און צו באשיצן די קריטישע סערוויסעס אויף וועלכע אונזערע איינוואוינער, ביזנעסער און לאקאלע רעגירונגען פארלאזן זיך יעדן איינציגן טאג."

סייבער-סעקיוריטי אויפמערקזאמקייט חודש היי יאר וועט לייגן א דגש אויף פיר עיקר שריט:

- ערמעגליכן טאפלטע פעסטשטעלונג (מולטי-פאקטאר אויטאריזאציע);
- נוצן שטארקע פעסווארדס;
- אַפּדעיטען סאפטוועיר; און
- אויפכאפן און באריכטן 'פישינג'.

**ניו יארק סטעיט טשיעף סייבער אפיסער קאלין אהערן האט געזאגט**, "אפצייכענענדיג די 20'סטע יארטאג פון 'סייבער-סעקיוריטי אויפמערקזאמקייט חודש', איז ניו יארק סטעיט מער פארפליכטעט פון סיי ווען בעפאר צו היטן אויף אונזערע דיגיטאלע פארמעגנס. די גאווערנער'ס לאנד'ס-פירנדע סייבער-סעקיוריטי סטראטעגיע הייבט ארויס וויאזוי, אין אונזער פארבינדענע וועלט, שפילט יעדער איינער א קריטישע ראלע אין די פארטיידיגונג קעגן סייבער סכנות. צוזאמען וועלן מיר פארזעצן צו אויפבויען א שטאנדהאפטיגע דיגיטאלע ניו יארק פאר פילע דורות אין די צוקונפט."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט**, "אין די היינטיגע וועלט, איז דאס קריטיש אז מיר זאלן בלייבן וואכזאם קעגן סייבער קרימינאלן וועלכע שטעלן אונזער פערזענליכע אינפארמאציע און זיכערהייט אין סכנה. דעם סייבער סעקיוריטי זיכערהייט חודש זאלן ניו יארקער אוועקגעבן צייט זיך צו באהיטן קעגן סייבער אטאקעס. נעמט אונטער איינפאכע שריט צו האלטן זיך אליין און אייער אינפארמאציע זיכער. געדענקט: טראכט בעפאר איר 'קליקט', נוצט שטארקע פעסווארדס, מאכט זיכער צו האבן די לעצטע אנטי-ווירוס סאפטווערי און ערמעגליכט טאפלטע פעסטשטעלונג."

סייבער-סעקיוריטי איז קריטיש פאר אלע ארגאניזאציעס, אבער עס קען זיין שווערער פאר קלענערע ביזנעסער וועלכע האבן מעגליך נישט ספעציעלע איינגעשטעלטע אדער מיטלען זיך צו אפגעבן דערמיט. אין צוזאמענארבעט מיט'ן נאן-פראפיט 'גלאובעל סייבער עלייענס' (GCA) גיבט דער סטעיט דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס א אומזיסטע סייבער-סעקיוריטי געצייג-קעסטל פאר קלענערע ביזנעסער כדי זיי זאלן קענען באהיטן זיך און זייערע קאסטומערס פון מערנדע סייבער דראונגען. די סייבער-סעקיוריטי געצייג-קעסטל האט אינפארמאציע איבער וויאזוי צו פארשטיין די פארשידענע סארטן הארדוועיר און סאפטוועיר, זיכער מאכן צו האבן די לעצטע שוץ מיטלען קעגן סייבער סכנות, פארשטערקערן פעסווארדס, ערמעגליכן טאפלטע פעסטשטעלונג, וויאזוי צו היטן אינפארמאציע אויף נאך א 'בעק-אַפּ' פלאץ און עס צוריקברענגען פון דארט אויב עס ווערט פארלוירן, און אזוי אויך צו באשיצן אימעיל סיסטעמען. די אומזיסטע סייבער-סעקיוריטי געצייג-קעסטל פאר קליינע ביזנעסער און די DFS-אנטוויקלטע דוגמא פאר סייבער-סעקיוריטי פאליסיס קענען געפונען ווערן אויף די DFS וועבזייטל.

**ניו יארק סטעיט סופעראינטענדענט פון די פינאנציעלע סערוויסעס דעפארטמענט, עידריען א. העריס, האט געזאגט**, "סייבער-סעקיוריטי איז קריטיש צו באשיצן אונזער לאנד'ס מערסט קריטישע אינפראסטרוקטור. די דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס שטעלט אוועק און האלט אויף א נאציאנאלע מוסטער פאר סייבער-סעקיוריטי סטאנדארטן און באהיטונג מאסנאמען אין פינאנציעלע סערוויסעס כדי צו באשיצן ביזנעסער און קליענטן פון סייבער קרימינאלן וואס ווערן נאר מער און מער סאפיסטיקירט."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון אינפארמאציע טעכנאלאגיע סערוויסעס טשיעף אינפארמעישען אפיסער, דרו רעי, האט געזאגט**, "די ארבייטער פון די ניו יארק סטעיט אפיס פון אינפארמאציע טעכנאלאגיע סערוויסעס (Information Technology Services, ITS) ארבעטן יעדן טאג צו באשיצן ניו יארק סטעיט'ס דיגיטאלע אינפראסטרוקטור, צו פארזיכערן אונזער אינפארמאציע און צו אויפקלערן ניו יארקער איבער די סכנות וואס לאקערן אין אימעילס און בייזוויליגע וועבזייטלעך. אזוי ווי מיר האלטן ווידעראמאל אפ דעם סייבער-סעקיוריטי חודש אין ניו יארק סטעיט, מוטיגן מיר אלע ניו יארקער צו אונטערנעמען די נויטיגע שריט זיך צו באשיצן אליין, זייערע פאמיליעס און זייערע פערזענליכע פארמעגנס. איך לויב אויס גאווערנער האקול פארן ארויסהייבן די וויכטיגע אינציאטיוו און פארן לייגן סייבער-סעקיוריטי אלס א פריאריטעט."

**ניו יארק סטעיט טשיעף אינפארמאציע זיכערהייט אפיסער, קריס דיסעין, האט געזאגט**, "ווען עס קומט צו דאס באשיצן זיך אליין אדער אייערע ארומיגע פון סייבער אטאקעס, ווייסן מיר אז האבן די

נויטיגע אינפארמאציע איז א כוח. דאס איז די סיבה פארוואס עס איז קריטיש צו ציהען אויפמערקזאקמייט נישט נאר צו די ערנסטקייט פון די סכנה, נאר אויך צו די פשוט'ע שריט וואס יעדער איינער קען טוהן צו מאכן זייערע דיגיטאלע אקטיוויטעטן זיכערער. אפגעזעהן פון אויב איר זעהט א סטעיט רעגירונג ארבעטער, פירט אן א ביזנעס אדער אויב איר זענט איינס פון די מיליאנען פון שווער ארבעטנדע ניו יארקער אריבער אונזער סטעיט, דארפן מיר אז איר זאלט זיין א סייבער קעמפער און זיך אנשליסן אין דעם קאמף."

די ניו יארק סטעיט אפיס פון אינפארמאציע טעכנאלאגיע סערוויסעס ( Information Technology Services, ITS) קאארדינירט אויך [א סטעיט-ברייטע סייבער-סעקיוריטי פלאקאט פארמעסט](#) פאר קינדער פון קינדערגארטן ביז 12'טע קלאס, א צייטליכע געלעגנהייט פאר לערער זיך צו קאנצענטרירן אויף דאס האלטן די קינדער זיכער אויף די אינטערנעט אויך א הנאה'דיגע און אינפארמאטיווע וועג. פלאקאטן ווערן אנגענומען ביז דעצעמבער 15, 2023. די ניו יארק סטעיט געווינער וועלן ארויפגעלייגט ווערן אויף די ITS וועבזייטל און אריינגעלייגט ווערן אין א נאציאנאלע פארמעסט וואס ווערט געספאנסארט דורך די 'מולטי-סטעיט אינפארמאציע מיטיילונג און אנאליזירונג צענטער' ( Multi-State Information Sharing and Analysis Center, MS-ISAC). אין צוגאב שטעלט די אגענטור צו אומזיסטע מאטעריאלן פאר די פובליק, אריינרעכנענדיג די [סייבער-סעקיוריטי אויפמערקזאמקייט געציייג-קעסטל](#) וואס רעכנט אריין פלאקאטן, לוחות, בראשורן און אנדערע אינהאלט ארום די נושא פון סייבער-סעקיוריטי וואס קענען דאַונלאָודעד און ארומגעשיקט ווערן צו העלפן מפרסם זיין און פארשפרייטן סייבער זיכערהייט נושאים אין פראקטישע, אינפארמאטיווע און אונטערהאלטנדע וועגן.

פאר מער אינפארמאציע, באזוכט [גאווערנער האקול'ס וועבזייטל איבער דאס פארשטערקערן סייבער-סעקיוריטי](#) אריבער ניו יארק סטעיט, [די ITS טשיעף אינפארמאציע זיכערהייט אפיס וועבזייטל](#) און פאַלאָווען די אגענטור אויף [X, אין די פארגאנגענהייט גערופן Twitter](#), אויף [Facebook](#) און אויף [Instagram](#) (#NYSCyber).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418